ד. מ׳האט מציע געווען אז מ׳זאל זיך שטעלן אויף פירוש רש"י אין קאפיטל ו׳ פסוק כ"ג, וואס דארטן שטייט א גאנצע אריכות אין פסוק און רש"י לאזט דאס דורך און שטעלט זיך אויף די לעצטע צוויי ווערטער פונעם פסוק "אמור להם". און מ׳האט געפרעגט אין דעם אן איין און איינציקע קשיא – פארוואס איז רש"י מפרש דריי מאל דעם "אמור להם", און יעדער מאל אן אנדער ענין; אבער אז מ׳וועט באלד לערנען די רש"י ווי א בן חמש למקרא, וועט מען זען וויפל קשיות ס׳זיינען פאראן אין דער רש"י.

רש"י שטעלט זיך אויף "אמור להם", (וואס אין דער רש"י זיינען פאראן כמה נוסחאות ווי עס ברענגט זיך אין די ספרים וועלכער זיינען מביין די פארשידענע נוסחאות אין פירוש רש"י), און ער זאגט: [אז "אמור" מיינט "כמו זכור שמור] [און אויף צו מאכן דאס קלארער פאר דעם בן חמש למקרא זאגט רש"י ווי דאס איז בלע"ז, אין אלטע פראנצייזיש; פונקט ווי מ׳טייטשט אפ דעם ווארט אויף זשארגאן, אזוי טייטשט דאס אפ רש"י ווי דאס איז אין דעם זשארגאן פון זיינע צייטן] בלע"ז דישנ"ט.

וואס וויל דא רש"י? זיינען פאראן אין מפרשי רש"י צוויי פארקערטע פירושים: איין סוג מפרשים זאגן אז רש"י קומט דא באווארענען אז מ׳זאל ניט מיינען אז דער ווארט "אמיר" דא מיינט א לשון ציווי – נאר וויבאלד אז עס שטייט "אמור" שהוא לשון מקור,

- מיינט -

הנחת הת׳ בלתי מוגה

מיינט עס א לשון הווה; ד.ה. אז א ציווי איז בד"כ א לשון פון עתיד, ניט הווה, דערפאר שטייט דא "אמור" (בקמץ) וואס דאס איז דער מקור פון דעם ענין פון רעדן, באווייזט דאס אויף אן ענין פון הווה וואס מיינט אלע מאל;

און אויף דעם זאגט רש"י "כמו זכור שמור" - ווי רש"י טייטשט אויף דעם וואס שטייט ביי שבת (יתרו כ,ח) "זכור את יום השבת לקדשו", אז דאס מיינט "תנו לב לזכור <u>תמיד</u> את יום השבת שאם נזדמן לך חפץ יפה תהא מזמינו לשבת" איז אזוי אויך דא דער לשון "אמור", וואס איז א מקור - א לשון הווה,אז ברכת כהנים דארף זיין שטענדיק.

א צווייטער סוג מפרשים זאגן-אז רש"י מיינט דא צו זאגן פונקט פארקערט: אז דער לשון "אמור" איז א לשון ציווי; און כדי מ'זאל ניט מיינען אז דאס איז א לשון מקור וואס איז ניט קיין ציווי, דערפאר ברענגט רש"י די ראי' פון "זכור שמור" אז פונקט ווי די ביידע זיינען ציווים, אזוי איז אויך דער לשון "אמור להם" א ציווי.

שטעלט זיך דא גלייך די ערשטע שאלה: וויבאלד אז אין מפרשי רש"י זיינען פאראן צוויי וועגן ווי צו לערנען, אדער אז ס'איז א לשון ציווי, אדער א לשון מקור, ווייס דאך ניט דער בן חמש למקרא וואס רש"י מיינט מיט "כמו זכור שמור", צי א לשון מקור צי א לשון ציווי, האט דאך רש"י געדארפט זאגן בפירוש פאר דעם בן חמש למקרא וואס איז דער פירוש פון דעםווארט "אמור"? (אמר לר' ז.י.: מ'זאל ציילן די קשיות).

די צווייטע קשיא: פארוואס דארף רש"י האבן צוויי ראיות סיי פון זכור און סיי פון שמור? פאדוואס איז ניט גענוג די ראי' פון זכור אליין?

נאך א קשיא, וואס דאס איז די דריטע קשיא: אויב עס איז ניט גענוג די ראי' פון זכור און מ'דארף אויך אנקומען צו דער ראי' פון שמור, האט רש"י געדארפט ברענגען בלויז פון שמור אליין, פארוואס ברענגט רש"י די ראי' אויך פון זכור?

די פערטע קשיא: וויבאלד אז רש"י איז מפרש בלויז דעם ווארט "אמור", אז דאס איז "כמו זכור שמור", פארוואס איז ער מעתיק פון פסוק אויך דעם ווארט "להם"? אויף דעם איז ער דאך גארניט מפרש, האט ער דאך בלויז געדארפט אראפברענגען דעם ווארט "אמור"?

דערנאך שטעלט זיך רש"י אויף "אמור להם" נאך אמאל און זאגט "שיהיו כולם שומעים", אז דאס וואס שטייט דא "אמור להם" מיינט אז ער זאל ניט בענטשן במחשבה אדער במעשה - בכתב, נאר עס זאל זיין בדיבור, אין אן אופן אז אלע אידן זאלן הערן ווי די כהנים בענטשן.

שטעלט זיך גלייך נאך א קשיא, (שאל לר' ז.י.: וויפל קשיות זיינען דא דערווייליע? ואמר: פיר), וואס דאס איז די פינפטע קשיא: פארוואס דארף רש"י נאך אמאל מעתיק זיין די ווערטער "אמור להם"? ווי מ'געפינט כמה פעמים בפירוש רש"י אז ער זאגט כמה ענינים אויף די זעלבע ווערטער, און ער איז ניט מעתיק נאך אמאל די ווערטער וועלכע ער איז מפרש, האט ער דאך דא אויך ניט געדארפט נאך אמאל

- זאגן -

זאגן "אמור להם", נאר גלייך נאך דעם וואס ער זאגט "כמו זכור שמור", האט ער גלייך געדארפט זאגן "שיהיו כולם שומעים"?

די זעקסטע קשיא: פארוואס איז רש"י מעתיק אויך דעם ווארט "אמור"? וויבאלד רש"י איז מפרש נאר דעם ווארט "להם", אז דאס מיינט "שיהיו כולם שומעים", האט ער זיך נאר געדארפט שטעלן אויפ'ן ווארט"להם"? פונקט ווי מ'האט געפרעגט אויפ'ן ערשטן ספיקל, אז רש"י האט זיך געדארפט שטעלן בלויז אויף "אמור", ווייל דעם "להם" איז ער אינגאנצן ניט מפרש, אזוי איז דא די קשיא א פארקערטע: היות אז ער איז גארניט מפרש אויף "אמור", וואלט ער זיך געדארפט שטעלן בלויז אויף "להם"?

די זיבעטע קשיא: פון וואנעט נעמט רש"י בכלל אז דא רעדט זיך וועגן שמיעה? אין פסוק רעדט זיך דאך וועגן דער אמירה, וועגן דאס וואס די כהנים דארפן זאגן, איז פון וואנעט נעמט רש"י אז מ'רעדט דא וועגן שמיעה? ואדרבה: דאס איז גאר א סתירה, אין פסוק שטייט "<u>אמור</u> להם" און רש"י זאגט אז <u>דא</u> מיינט ניט אמירה נאר שמיעה?

דערנאך שטעלט זיך רש"י אויף "אמור" און איז מפרש: "מלא [אז "אמור" שטייט דא מלא מיט א וא"ו, קומט דאס צו זאגן אז] לא תברכם בחפזון ובבהלות אלא בכוונה ובלב שלם".

שטעלט זיך דא גלייך די אכטע קשיא: פון וואנעט איז דער הכרח אין פשוטו של מקרא אז דער "אמור" מלא קומט זאגן אז "לא תברכם בחפזון"? פון דעם וואס עס שטייט מלא איז פארשטאנדיק אז דער פסוק קומט עפעס זאגן, אבער פון וואנעט איז דער הכרח אז דאס קומט זאגן אז "לא תברכם בחפזון ובבהלות", אפשר קומט דאס שולל זיין אן אנדער ענין? (שאל לר' ז.י.: וויפל קשיות זיינען דא? ואמר: אכט).

די ניינטע שאלה: פארוואס זאל איינפאלן דעם כהן אז ער זאל בענטשן אידן "בחפזון ובבהלות" אז מ'זאל דארפן שולל זיין אז עס זאל ניט זיין אזוי נאר "בכוונה ובלב שלם"? דער קינד האט שוין געלערנט וואס עס שטייט פריער (קדושים יט,יח) "ואהבת לרעך כמוך", איז פונקט ווי דער כהן וויל אז בשעת א איד וואלט אים געבענטשט זאל ער אים ניט בענטשן "בחפזון ובבהלות", נאר "בכוונה ובלב שלם", איז אזוי אויך דער כהן, וועלכער בענטשט דעם אידן, טוט דאס "בכוונה ובלב שלם"; איז פארוואס דארף מען שולל זיין "בחפזון ובבהלות" און זאגן אז דאס זאל זיין "בכוונה ובלב שלם"?

אין מדרש (רבה נשא פי"א יב) גיט ער א טעם פארוואס מ'זאל מיינען אז ס'וועט זיין "בחפזון ובבהלות" - "מפני שאמרתי לכם שתהיו מברכים את ישראל" אז וויבאלד דער אויבערשטער האט דאס געהייסן, וועלן זיי זיך צוטומלען און דאס טאן "בחפזון ובבהלות".

רש"י קען דאס אבער ניט אנעמען אין פשוטו של מקרא, ווארום אויב מ'וועט זאגן אז מצד דעם וואס דער אויבערשטער האט אנגעזאגט אויף אן ענין, דערפאר וועט מען עס טאן "בחפזון ובבהלות", האט מען אויב אזוי דאס געדארפט באווארענען ביי אלע מצוות: ביי הנחת תפילין, ביי עסן מצה, ביי קרבן פסח, וכו' - אז מ'זאל דאס ניט

- טאן -

טאן "בחפזון ובבהלות" אע"פ אז דאס האט דער אויבערשטער געהייסן?

און אויב מ'וועט זאגן אז ביי אלע מצות דארף מען דאס טאקע באווארענען, האט דאס רש"י געדארפט זאגן פריער אין חומש ביי דער ערשטער מצוה וואס דער אויבערשטער האט אנגעזאגט אידן, און ניטווארטן ביז מ'קומט צו דער מצוה פון ברכת כהנים?

די צענטע קשיא: פון וואנעט נעמט רש"י אז דער "אמור" מלא קומט שולל זיין צוויי זאכן, סיי "חפזון" און סיי "בהלות"? עס שטייט דאך בלויז איין ריבוי, און פון איין ריבוי קען מען וויסן בלויז איין ענין, איז פון וואנעט וויים רש"י צו זאגן אז דאס איז שולל סיי "חפזון" און סיי "בהלות"? און אויך אז עס דארפן זיין (צוויי זאכן) "בכוונה ובלב שלם"?

די עלפטע שאלה: וואס זאגט רש"י "לא תברכם בחפזון ובבהלות אלא בכוונה ובלב שלם" - פארוואס הייבט ער אן פריער מיט דער שלילה, אז דאס זאל ניט זיין " בחפזון ובבהלות", און ערשט דערנאך זאגט ער אז דאס זאל זיין "בכוונה ובלב שלם"? ער האט נאר געדארפט זאגן אז ס'דארף זיין "בכוונה ובלב שלם"? ע"ד ווי אין די פריערדיקע רש"י "שיהיו כולם שומעים", הייבט רש"י ניט אן אז דאס זאל ניט זיין במחשבה אדער מ'זאל דאס ניט זאגן בינו לבין עצמו אז קיינער זאל ניט הערן, נאר "שיהיו כולם שומעים" - נאר ער זאגט גלייך "שיהיו כולם שומעים", האט ער דא אויך געדארפט זאגן אז די ברכה זאל זיין "בכוונה ובלב שלם"; פארוואס הייבט ער אן דעם פירוש מיט דער שלילה "לא תברכם בחפזון ובבהלות"?

די צוועלפטע קשיא: אין גמ' (סוטה לח,א) שטייט טאקע אזוי: "או אינו אלא בלחש ת"ל אמור להם" (ועד"ז בספרי נשא פ"י ל"ט: "או בינו לבין עצמו ת"ל אמור להם") - איז פארוואס ברענגט דאס רש"י ניט אראפ נאר ער זאגט גלייך "שיהיו כולם שומעים"; ובמכ"ש: מה דאך די גמ' (ומדרש) וואס דאס איז פאר א בן עשר למשנה און א בן חמש עשרה לגמרא, באווארנט יע בפירוש אז עס זאל ניט זיין בלחש, האט דאך רש"י וואס זיין פירוש איז פאר א בן חמש למקרא, זיכער געדארפט דאס באווארענען?

די דרייצנטע קשיא: וויבאלד אז אין דעם פירוש פון "אמור" איז רש"י מפרש בלויז דעם ווארט "אמור" אליין, האט ער דאס געדארפט זאגן פריער, פאר די אנדערע צוויי פירושים, וואס דארטן איז ער מפרש אויך דעם צווייטן ווארט "להם"? ווי מ'זעט אז דא איז די שאלה פארוואס ס'שטייט "אמור" מלא, איז עס דאך פארבונדן בלויז מיט דעם ערשטן ווארט, וואס דערפאר שטעלט זיך טאקע רש"י בלויז אויפ'ן ווארט "אמור", משא"כ אין די אנדערע צוויי פירושים איז ניטא קיין קשיא אויף "אמור" אליין, נאר אויך מיט דעם ווארט "להם", ווי מ'זעט עס פון דעם וואס רש"י ברענגט אראפ אויך אט דעם ווארט, האט דאך רש"י געדארפט פריער מפרש זיין דעם "אמור" און דערנאך ערשט די אנדערע צוויי ענינים?

דאס זיינען די קשיות פון דער רש"י אליין, דערנאך זיינען דא קשיות פון אנדערע ערטער:

בנוגע די ערשטע רש"י וואס ער זאגט "אמור להם - כמו זכור שמור": וויבאלד ער זאגט ניט וועלכן "זכור" און וועלכן "שמור"

ער מיינט, אע"פ אז סיי "זכור" און סיי "שמור" שטייען כמה פעמים בתורה - ס'שטייט (יתרו כ,ח) "זכור את יום השבת לקדשו" און (בא יג,ג) "זכור את היום הזה" ועוד, און אויך בנוגע "שמור" געפינט מען אז עס שטייט כמה פעמים, (ואתחנן ה,יב) "שמור את יום השבת" און (דברים ו,יז) "שמור תשמרון" און (ראה טז,א) "שמור את חדש האביב" ועוד - איז דערפון פארשטאנדיק אז עס איז קיין נפק"מ פון וועלכן פסוק מ'ברענגט די ראי', און עס קען זיין די ראי' פון וועלכע "זכור" און "שמור" עס זאל נאר זיין.

עס איז אבער ניט פארשטאנדיק - די פערצנטע קשיא: אויף "זכור את יום השבת" זאגט רש"י "תנו לב לזכור תמיד את יום השבת", ד.ה. אז ער טייטש אפ וואס עס מיינט - איז פארוואס אין די אנדערע ערטער וואו עס שטייט "זכור" טייטשט רש"י ניט וואס עס מיינט, ועד"ז בנוגע דעםווארט "שמור" איז רש"י אויך ניט מפרש וואס דאס מיינט? מוז מען דאך זאגן אז רש"י פארלאזט זיך אויף דעם וואס ער האט שוין מפרש געווען ביי "זכור את יום השבת", איז פארוואס בשעת עס קומט צו דעם ווארט "שמור" דא, פארלאזט זיך רש"י ניט אויף דעם וואס ער האט שוין איין מאל מפרש געווען, נאר ער טייטשט אפ נאך אמאל אז דאס איז"כמו זכור שמור"?

די פופצנטע קשיא: אין דער צווייטער רש"י זאגט ער דאך "שיהיו כולם שומעים". אין ספרי (שם) שטייט אבער אין איין פירוש אז דער "אמור להם" גייט ניט אויף די כהנים נאר אויף דעם חזן, אז דער חזן דארף זאגן צו די כהנים "יברכך וגו'" מיט די אלע ברכות; רש"י קען דאס אבער ניט אנעמען, ווארום ווי באלד אז דא שטייט פריער "כה תברכו את בני ישראל", וואס דאס גייט דאך אויף די כהנים, איז ווי קען מען זאגן בפשטות הכתובים אז דער "אמור להם" וואס שטייט גלייך נאך דעם אין דעם זעלבן פסוק, גייט אויף דעם חזן; דערפאר לערנט רש"י בפשטות אז דער "אמור להם" גייט אויף די כהנים, אז די כהנים דארפן זאגן די ברכה באופן "שיהיו כולם שומעים".

רש"י איז אבער משנה פון דעם לשון הספרי: דער ספרי בשעת ער ברענגט (שם) דעם פירוש "שיהיו כולם שומעים", שטייט ניט דער לשון "כולם" נאר "שיהי' כל הקהל כולו שומע" - איז פארוואס רש"י משנה פון דעם לשון הספרי און שרייבט "כולם"?

נאכמער: דאס איז אויך א נפק"מ אין הלכה, ווארום דער לשון "כולם" מיינט אלע אידן וועלכע מ'בענטשט, במילא איז דער פי' אז <u>זיי</u> דארפן דאס הערן אבער ניט די כהנים, משא"כ פון דעם לשון "כל הקהל" איז משמע אז אויך די כהנים דארפן הערן; והחילוק: די אידן וואס ווערן געבענטשט דארפן דאך שטיין פנים אל פנים צו די כהנים, אבער די כהנים וואס בענטשן קענען שטיין איינער אונטער דעם צווייטן - במילא, אויב ס'שטייט "כולם" דארפן זיי בענטשן נאר גענוג הויך אז די וועלכע שטיין אנטקעגן די כהנים, די אידן, זאלן קענען הערן, אבער אויב ס'שטייט "כל הקהל" דארפן זיי זאגן די ברכות אזוי הויך אז אויך די אנדערע כהנים וועלכע שטיין הינטער, זאלן אויך קענען הערן די ברכות (וואס צו דעם דארף עס דאך זיין העכער?); איז פארוואס איז רש"י משנה פון דעם לשון "כל הקהל" אויף "כולם"?

- די -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

די זעכצנטע קשיא: פארוואס שרייבט רש"י "לא חברכם בחפזון ובבהלות", און איז משנה פון דעם לשון המדרש "באנגריא ובבהלות"? און מ'קען ניט זאגן אז רש"י שרייבט ניט "אנגריא" ווייל דער קינד ווייס ניט וואס דאס מיינט - מ'זעט דאך אבער אז רש"י דערפרעקט זיך ניט פאר דעם, ווי רש"י זאגט אויף (ואתחנן ו,ו) "אשר אנכי מצוך היום" - "לא יהיו בעיניך כדיוסגמא ישנה", און דערנאך טייטשט רש"י "דיוטגמא, מצות המלך הבאה במכתב"; האט דאך דא אויך רש"י געקענט זאגן "לא חברכם באנגריא", און דערנאך מפרש זיין "אנגריא, חפזון"?

די זיבעצנטע קשיא: אין מדרש שטייט "לא וכו' תהיו מברכים באנגריא ובבהלות אלא תהיו מברכין בכוונת הלב", און רש"י זאגט "אלא בכוונה ובלב שלם", ד.ה. אז אין מדרש איז דאס איין זאך "כוונת הלב", און רש"י מאכט דאס פאר צוויי זאכן "כוונה" און "לב שלם"; ולכאורה פארוואס?

די אכצנטע קשיא: פריער אין פ' בא (יב,א) אויפן פסוק "ואכלתם אותו בחפזון" איז רש"י מפרש: "בחפזון - לשון בהלה ומהירות"; קומט דאך אויס אז אין דעם ווארט חפזון אליין ליגט שוין "בהלות", איז ווי אזוי זאגט רש"י דא "בחפזון ובבהלות", דאס איז דאך א כפל לשון?

און ניט נאר איז דאס א כפל לשון, נאר דאס איז גאר א סתירה: פון דעם וואס רש"י זאגט דא "בחפזון ובבהלות", קומט אויס אז אין דעם ווארט "חפזון" ליגט ניט "בהלות", און אין פ' בא זאגט רש"י מפורש אז דער פירוש פון דעם ווארט "חפזון" איז "בהלה"?

די ניינצנטע קשיא: רש"י זאגט דא "לא חברכם בחפזון ובבהלות אלא בכוונה ובלב שלם" - פארוואס איז "בכוונה ובלב שלם" כנגד "בחפזון ובבהלות"? (קאל לר' ז.י.: וויפל קשיות זיינען דא? ואמר: ניינצן).

אויך זיינען דא נאך כמה דיוקים אין פירוש רש"י, אבער מסתמא איז שוין גענוג ניינצן קשיות אויף א מאל; און די אלע ניינצן דיוקים דארפן אלע זיין מובן ע"פ פשטות הכתובים פאר א בן חמש למקרא, און רש"י דארף גארניט מוסיף זיין אויף דעם וואס ער איז מפרש, און מיט דעם אליין וואס רש"י זאגט, פארשטייט דער בן חמש למקרא די אלע ניינצן דיוקים, ביז אז אפילו ווען ער וועט לערנען מדרש וועט אים ניט זיין שווער פון דעם וואס רש"י איז דא מפרש און משנה, ווארום רש"י אליין פארענטפערט דאס מיט דעם וואס ער גייט על דרך הפשט, ווי ער אליין זאגט "ואני לא באתי לפרש אלא פשוטו של מקרא", וכפי שיתבאר לקמן.

אויף אומקערן זיך צו פירוש רש"י: נוסף אויף די נייעצן דיוקים איז דא א צוואנציקסטע קשיא: רש"י הייבט ניט אן זיין פירוש אפטייטשנדיק דעםווארט "אמור" און דערנאך ברענגען א ראי' "כמו זכור שמור", נאר ער זאגט גלייך "כמו זכור שמור"; איז דערפון פארשטאנדיק אז עס איז א דבר הפשוט וואס איז דער פירוש פון דעם ווארט "אמור" – בפשטות איז מובן אז דאס איז א ציווי, וואָרום עס שטייט דאך "אמור להם":

אויב עס וואלט ניט געשטאנען "להם" נאר בלויז דער ווארט "אמור", וואלט מען געקענט לערנען אז "אמור" איז א לשון מקור, און דער פי' אין פסוק וואלט געווען: "כה תברכו את בני ישראל", "אמור" – זאגנדיק, "יברכך וגו'", ד.ה. אז אין דעם לשון און אזוי דארף מען זאגן די ברכה; וויבאלד עס שטייט אבער "אמור <u>להם</u>", איז מובן אז "אמור" איז א ציווי.

לפי"ז שטעלט זיך די קשיא: פארוואס שטייט דא "אָמור" (בקמץ), עס האט געדארפט שטיין "אמור" (בסגול), ווי עס שטייט בכלל ביי א ציווי, און ווי עס שטייט "אמור אל הכהנים"?

אויף דעם זאגט רש"י "כמו זכור שמור", אז מ'געפינט במה פעמים בתורה אז עס שטייט א לשון ציווי מיט די נקודות פון א לשון מקור, און ניט ווי די נקודות פון א לשון ציווי; ווי עס שטייט "זכור", וואס "זכור את יום השבת לקדשו" מיינט דאך זיכער א ציווי וואָרום עס שטייט דאך גארניט בנוגע שבת פאר דעם ווארט "זכור" – זעט מען דאך אז עס שטייט אמאל א לשון ציווי בנקודות של לשון מקור; און אזוי איז אויך די ראי' פון "שמור", וואס "שמור את יום השבת וגו'" איז אויך א ציווי.

פארוואס איז זיך רש"י ניט מסתפק מיט דער ראי' פון "זכור" און ער ברענגט אויך די ראי' פון "שמור"? וואָרום דער בן חמש למקרא פרעגט א שאלה: ווי אזוי קען מען ברענגען א ראי' פון "זכור" אז מ'קען זאגן א ציווי אין א לשון מקור, דארטן איז עס דאך אן ענין וואס איז בכל יום, ווי רש"י זאגט "תנו לב לזכור <u>תמיד</u> את יום השבת", דערפאר קען דארטן שטיין א ציווי בלשון מקור, וואס דאס ווייזט אויף הוה, ווייל דער ענין איז הוה, ס'איז שטענדיק, משא"כ ברכת כהנים איז דאך ניט אלע טאג, קען אפשר זיין אז מ'זאל עס ניט קענען שרייבן אין א לשון מקור?

און רש"י גייט ניט פארענטפערן די הלכה, נאר דאס איז אן ענין וואס דער בן חמש למקרא זעט, אז ברכת כהנים איז ניט בכל יום נאר בזמנים קבועים בשנה, ביו"ט, איז פארוואס שטייט דא

"אַמור" (בקמץ) וואָס ווייזט אויף אַן ענין פון הוה?

אויף דעם ברענגט רש"י די ראי׳ פון "שמור", וואָס דער ענין פון שמירת שבת איז דאָך ניט שייכות בכל יום, און אעפ"כ שטייט דאָרט אַ לשון הוה, איז אַ ראי׳ אַז אויך דאָ קען שטיין אַ לשון הוה "אַמור", אע"פ אַז דאָס איז ניט בכל יום.

רש"י קען אָבער ניט ברענגען בלויז די ראי׳ פון "שמור", וואָרום "שמור" איז אַן ענין פון שלילה, ובמילא,אע"פ אַז דאָס איז ניט בכל יום, איז עס אָבער הוה, וואָרום בשעת מ׳טוט אַרבעט פרייטיק איז מען אויך ניט מחלל שבת; במילא איז שייך צו זאָגן אויף דעם אַ לשון פון תמידות, וואָרום דאָס איז אויך בכל יום מצד דעם וואָס זיין אַרבעט אין די אַנדערע טעג הייסט אויך ניט קיין חילול שבת, ובמילא איז אויך דאַן ביי אים שמירת שבת.

אע"פ אַז דאָס איז אַ דוחק, וואָרום דאָס וואָס ער האָט פרייטיק ניט מחלל שבת געווען, הייסט ניט קיין שמירת שבת, ווייל פרייטיק האָט בכלל גאָרניט צו טאָן מיט שבת - מ׳קען אָבער זאָגן אַז וויבאַלד דאָס איז אַ שלילה האָט דאָס עפּעס אַ שייכות צו שבת; משא"כ דאָ וואו עס שטייט "אַמור", וואָס דאָס איז אַ פעולה און אַ חיוב; איז פון וואַנעט איז די ראי׳ אויף דעם?

דערפאַר ברענגט רש"י אויך די ראי׳ פון "זכור", וואָס "זכור" איז אַ פעולה פון חיוב, געדיינקען; זעט מען דאָך פון דעם אַז אויך אויף אַן ענין פון חיוב קען מען זאָגן אַ לשון וואָס ווייזט אויף תמידות - במילא מובן אַז אויך דאָ קען שטיין אַ לשון פון הוה ותמידות.

נאָר דער פירוש פונעם וואָרט "אַמור" איז אַן אופן של תמידות וועט זיין בדוגמת ווי דער וואָרט "תמיד" וואָס שטייט ביי דער מנורה (תצוה כז,כ), אע"פ אַז דאָרט איז דאָס אויך ניט בתמידות נאָר "מערב עד בקר", אעפ"כ הייסט עס תמיד מצד דעם וואָס דאָס קומט בזמן קבוע, "בכל לילה ולילה" (פרש"י שם), איז אַזוי אויך בנוגע לברכת כהנים - וויבאַלד דאָס איז בזמנים קבועים בשנה, קען מען זאָגן אויף דערויף אַ לשון של תמידות,

ובמילא פון ביידע ראיות צוזאַמען, פון "זכור" און "שמור", האָט מען אַרויס אַז אויך "אַמור" קען שטיין מיט אַ קמץ; ובפרט ווי רש"י (יתרו כ,ח) זאָגט אַז "זכור ושמור בדבור אחד נאמרו" אַז ביידע זיינען איין ענין און ביי ביידע איז פאַראַן די זעלבע תמידות, איז זיכער אַז מ׳קען פון ביידע צוזאַמען אַרויסלערנען בנוגע דעם פירוש אין "אַמור להם".

דערנאָך שטעלט זיך רש"י נאָך אַמאָל אויף "אַמור להם" און זאָגט אַז דאָס מיינט "שיהיו כולם שומעים", ווייל רש"י׳ן איז דאָ שווער: פאַרוואָס דאַרף בכלל שטיין "אַמור להם", עס שטייט דאָך שוין "כה תברכו את בני ישראל"? און אויך: פאַרוואָס שטייט דאָ דער לשון "להם", אַ לשון רבים, בשעת די גאַנצע צייט שטייט אַ לשון יחיד, "יברכך וגו׳ וישמרך וגו׳"?

דערפון איז רש"י מכריח, אַז דאָ רעדט מען ניט וועגן דער אמירה פון די כהנים, וואָרום דאָס שטייט שוין פריער "כה תברכו את בני

- ישראל", -

ישראל", און דאס איז טאקע געזאגט געווארן אין א לשון יחיד, נאר דא רעדט מען וועגן די שומעים, אז די אמירת הברכה דארף געזאגט ווערן אין אן אופן "שיהיו כולם שומעים", אז יעדער איינער זאל הערן ווי די כהנים בענטשן די אנדערע; און דאס איז אן ענין פון רבים: בשעת דער כהן בענטשט יעדער יחיד באזונדער, דארף דאס זיין באופן אז אלע אנדערע אידן זאלן הערן ווי די כהנים בענטשן אט דעם איד; און דאס מיינט דער פסוק מיט "אמור להם", אז אלע אידן זאלן הערן ווי מ'בענטשט יעדן איינעם.

לפי"ז שטעלט זיך אבער די שאלה: וויבאלד אז דער כהן דארף בענטשן יעדער יחיד באזונדער, און ווי עס שטייט "יברכך וגו'" בלשון יחיד, און צוזאמען דערמיט דארף ער מכוון זיין וועגן אלע אידן, אז אלע זאלן הערן ווי ער בענטשט יעדער יחיד - ווי אזוי קען דער כהן טאן די צוויי זאכן צוזאמען?

ער וועט דאך אינגאנצן צומישט ווערן: מ'זאגט אים אז אין זיין ברכה דארף ער מכוון זיין יעדער איד באזונדער, ראובן באזונדער, שמעון באזונדער און לוי באזונדער וכו', און צוזאמען דערמיט זאגט מען אים אז בשעת דו בענטשסט ראובן דארפן אלע אנדערע אידן הערן ווי דו גיסט ראובן די ברכה, און בשעת דו וועסט בענטשן שמעון דארפסטו מכוון זיין אז אלע אנדערע אידן זאלן הערן ווי דו בענטשסט שמעון, קען דאך דער כהן טענה'ן, אז במילא וועט ער זיך היילן, און ער וועט ווערן אינגאנצן צומישט.

אויף דעם זאגט רש"י ווייטער אז אע"פ ס'דארף זיין "שיהיו כולם שומעים", אעפ"כ "לא תברכם בחפזון ובבהלות"; וואס דער טייטש פון "בהלות", איז מלשון בלול, אז ביי אים זיינען צומישט צוויי זאכן, די כוונה פאר יעדער יחיד און די כוונה פאר אלע אידן - זאגט אן די תורה "לא תברכם בחפזון ובבהלות", נאר דאס זאל זיין "בכוונה ובלב שלם"; און וויבאלד אז דער אויבערשטער מאנט דאס קען מען דאס טאן, ווארום "אין הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו" (ע"ז ג,א), אז מ'קען בענטשן די אידן "בכוונה ובלב שלם".

און רש"י איז מדייק "ובלב שלם", ווארום דער כהן קען דאך טראכטן, אז וויבאלד ער דארף בענטשן א מנין אידן, [אין פסוק שטייט טאקע ניט אז עס דארף זיין א מנין, אבער דאס ווייס דער קינד אז בשעת ברכת כהנים איז דא א מנין], צען אידן אויף אמאל, וועט ער אפגעבן א צענטל הארץ איין איד און א צווייטע צענטל הארץ א צווייטן איד וכו', אבער ניט אפגעבן יעדער איד די גאנצע הארץ, דאס קען ער ניט טאן,

זאגט רש"י, ניין! אז עס דארף זיין דער "ובלב <u>שלם</u>", אז יעדער אידן דארפסטו אפגעבן דיין גאנצע הארץ.

עפי"ז זיינען פארשטאנדיק כמה פון די דיוקים אין פירוש רש"י, און איצטער בלייבט נאר איבער די ענינים ביינה של תורה, ביז אויך אין חלק הרמז והסוד, ביז אויך אן ענין בהלכה ובדרוש, וכפי שיתבאר לקמן.

די יינה של תורה בפירוש רש"י: דאס וואס רש"י שרייבט אז "אמור" איז "כמו זכור שמור", איז דאס ניט נאר אויף צו ברענגען א ראי', נאר דאס איז אויך מסביר אין וואס פאר אן אופן עס דארף זיין דער "אמור":

דאס קומט בהמשך צו דעם וואס רש"י זאגט ווייטער אויף "יברכך - שיתברכו נכסיך", און דערנאך זאגט רש"י אויף "וישמרך - שלא יבואו עליך שודדים ליטול ממונך וגו' וכיון שבאים ליסטים עליו ונוטלין אותה ממנו מה הנאה יש לו במתנה זו אבל הקב"ה הוא הנותן הוא השומר"; ולכאורה וואס זאגט דא רש"י, דאס איז א דבר הפשוט אז אויב מ'נעמט אוועק דאס וואס מ'האט געגעבן איז "מה הנאה יש לו" - פארוואס דארף דאס רש"י זאגן? און ער זאגט דאס מיט א גאנצע אריכות?

נאר רש"י טוט אויך אז דער "יברכך" מיט דעם "וישמרך" איז איין ברכה, ווארום ס'איז איין ענין דאס וואס דער אויבערשטער גיט נכסים און ער היט דאס אויס פון ליסטים, ווארום אויב ער היט דאס ניט "מה הנאה יש לו", ובמילא איז דער "יברכך" און דער "וישמרך" ניט קיין צוויי באזונדערע זאכן, נאר דאס איז איין ברכה צוזאמען; ד.ה. אז ווען איז "יברכך" א ברכה, דוקא בשעת צו דעם איז פאראן "וישמרך".

און דאס איז וואס רש"י זאגט פריער אויף "אמור - כמו זכור שמור": פונקט אזוי ווי "זכור ושמור בדבור אחד נאמרו", אז ביידע זיינען איין ענין, ווארום ווען איז דער "זכור" אן ענין ווי עס באדארף צו זיין, דוקא בשעת עס וועט זיין דער "שמור" - בשעה מ'וועט זיך אפהיטן פון מחלל שבת זיין; וואס דערפאר זיינען ביידע איין זאך,

[וואס דערפאר זאגט מען אז עס זיינען געווען בלויז עשרת הדברות - דלכאורה וויבאלד אז עס איז געווען א דבור פון "זכור וגו'" און א דבור פון "שמור וגו'" איז דאך דאס עלף דברות? נאר "זכור ושמור" זיינען ביידע איין זאך, ווייל דוקא בשעת עס וועט זיין דער "שמור" ווי עס דארף זיין, וועט דעמאלט דער "זכור" אויך זיין ווי עס באדארף זיין; דוקא בשעת ס'איז דא די שלילה קען אויך זיין דער חיוב],

- אזוי -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

אזוי - זאגט רש"י - איז אויך דער ענין פון "אמור" פון ברכת כהנים, אז דער "יברכך" און דער "וישמרך" איז אויך אין אזא אופן, אז דאס זיינען ניט קיין צוויי באזונדערע זאכן, נאר דאס איז איין ברכה: אז דער אויבערשטער וועט אייך געבן נכסים, און צוזאמען דערמיט וועט ער זיי אפהיטן, וואט דוקא דעמאלט איז די ברכה פון "יברכך" א ברכה.

אזוי איז דאס אויך בנוגע דעם צווייטן ענין וואס רש"י זאגט - אויף "ויחנך - יתן לך חן", און דערנאך זאגט ער "ישא ה' פניו אליך - יכבוש כעסו", וואס דאס זיינען ניט קיין צוויי באזונדערע ענינים, נאר צוזאמען מיט דעם "יתן לך חן", קומט דער "יכבוש כעסו", וואס דוקא דעמאלט איז די ברכה פון "יתן לך חן", א ברכה.

וואס דאס איז אלץ רש"י מרמז מיט דעם וואס ער זאגט "כמו זכור שמור", אז פונקט ווי "זכור ושמור בדבור אחד נאמרו", אז זיי זיינען ביידע דער זעלבער ענין, אזוי איז אויך בנוגע "אמור", אז דער "יברכך" און דער"וישמרך" זיינען איין ענין.

דאס קומט אויך בהמשך צו דעם וואס מ'רעט לעצטנס, אז בשעת דער אויבערשטער גיט אידן א זאך, איז א זיכערע זאך אז ער היט דאס אפ אז קיינער זאל דאס ניט צונעמען, און ווי רש"י זאגט אז בשעת א בשר ודם גיט א זאך, קען ער ניט זיין אחראי אז קיינער זאל דאס ניט צונעמען, משא"כ בשעת דער אויבערשטער גיט א זאך, איז א דבר ברור אז קיינער קען דאס ניט צונעמען.

דערפון איז מובן אז בשעת מ'זאגט "כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה" - קען מען ניט זיין בטוח אז מ'וועט דאס קענען האלטן; משא"כ בשעת מ'ווייס זיכער אז דאס האט דער אויבערשטער געגעבן, דעמאלט איז זיכער אז מ'וועט דאס האלטן, ווארום דער אויבערשטער וועט דאס אפהיטן.

לפי"ז איז מובן אז בשעת דער אויבערשטער גיט אידן ארץ ישראל, איז א דבר ברור אז קיינער קען דאס ניט צונעמען, ווארום דער אויבערשטער אליין היט דאס אפ, מ'דארף נאר באווארענען אז מ'זאל דאס אליין ניט אפגעבן צו די גוים; וואס דאס איז וואס מ'רעט וועגן דער שאלה "מיהו יהודי", וואס מ'וויל זאגן אויף גוים אז זיי זיינען אידן און זיי האבן א חלק אין ארץ ישראל.

דערנאך איז צוגעקומען נאך אן ענין: מ'טראכט ניט וועגן דער שאלה ווי דאס איז, נאר מ'זאגט אז דאס איז אן ענין וואס איז פארבונדן מיט דער פארטיי און מיט יענער פארטיי, און אין פארטיי גופא מיט אכצן מענטשן אדער דרייצן מענטשן וכו', און מ'פארגעסט אינגאנצן אויף דער שאלה ווי דאס איז מצד עצמו.

ווי מ'האט גערעט אמאל וועגן דעם וואס די גמרא (ב"ק לה,ב וש"נ) זאגט "טענו חיטין והודה לו בשעורין", וואס לכאורה איז דאס ניט פארשטאנדיק: די גמרא רעט ניט וועגן א ניט נארמאלן מענטש וואס רעט ניט צו דער זאך, אז בשעת מ'מאנט פון אים חיטין ענטפערט ער וועגן שעורין - איז פארוואס רעט די גמרא וועגן אזא פאל?

זעט מען דא במוחש אז עס איז אזוי: בשעת מ'פרעגט די שאלה

- מיהו -